גליון 192
בחוקותי תשפ"ד



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דעם רבינ'ס משלים

### אַ בֶּן מֶלֶךְ וָואס אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר קְרַאנְק

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל:**

אַ בֶּן מֶלֶךְ אִיז אַמָאל גֶעוָוארְן זֵייעֶר קְרַאנְק, זַיין טַאטֶע דֶער קֶענִיג הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט פִּיל דָאקְטוֹירִים זֵיי זָאלְן אִים פְּרָאבִּירְן אוֹיסְהֵיילְן, אָבֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֶע צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן אוּן נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קֵיין הָאפֶענוּנְג עֶר זָאל גֶעהֵיילְט וֶוערְן. אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם קֶענִיגְ'ס פַּאלַאץ אַ מוֹרָא'דִיגֶער גְרוֹיסֶער אוּן קְלוּגֶער דָאקְטֶער. דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל אוּנְטֶערְזוּכְן דֶעם קִינְד, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר אִים קֶענֶען רַאטֶעוֶוען. דֶער גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּארְן קֶענִיג דֶעם קְלָארְן אֱמֶת: דֶער קִינְד אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר אִין אַ שְׁוֶוערְן צוּשְׁטַאנְד! עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהֵיילְן דֶעם פְּרִינְץ, כָאטְשׁ עֶס אִיז יָא דָא עֶפֶּעס אַ וֶועג וָואס אֶפְשָׁר וֶועט אִים קֶענֶען הֶעלְפְן, אָבֶער דִי וֶועג אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ מַאכְן, דֶערִיבֶּער וִויל עֶר עֶס בֶּעסֶער נִישְׁט זָאגְן דֶעם קֶענִיג.

דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ אָבֶער אָנְגֶעהַאלְטְן אִין דִי קְלֵיין הָאפֶענוּנְג אוּן אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים דָאקְטֶער עֶר זָאל אִים יָא אוֹיסְזָאגְן דֶער וֶועג. הָאט אִים דֶער דָאקְטֶער גֶעזָאגְט: וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַז דַיין קִינְד אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק קְרַאנְק, אַז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרַיינֶעמֶען קֵיין אֵיין טְרָאפּ אִין מוֹיל פוּן אַ רְפוּאָה... מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז דָא עֶפֶּעס אַ זֶעלְטֶענֶע טַייעֶרֶע רְפוּאָה, וָואס יֶעדֶע פְלֶעשְׁל דֶערְפוּן קֶען קָאסְטְן טוֹיזְנְטֶער מַטְבֵּעוֹת. מֶען דַארְף אָנְפִילְן אַסַאךְ גְרוֹיסֶע פֶּעסֶער פוּן אָט דִי רְפוּאָה, אוּן בַּאגִיסְן דֶעם פְּרִינְץ מִיט פוּלֶע שִׁיסְלֶען פוּן דֶעם, כָאטְשׁ דִי אַלֶע טַייעֶרֶע רְפוּאוֹת וֶועלְן פַארְלוֹירְן גֵיין - קֶען אָבֶער זַיין אַז עֶס וֶועט זִיךְ נָאר אָנְזַאפְּן דִי שְׁמֶעק פוּן דִי רְפוּאוֹת אִינֶעם קִינְד, אָדֶער וֶועט אֶפְשָׁר דֶער בֶּן מֶלֶךְ אַרַיינֶעמֶען אִין זִיךְ עֶפֶּעס אַ טְרָאפֶּעלֶע, אוּן פוּן דֶעם אִיז מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילְט.

דֶער קֶענִיג הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּנֶעם דָאקְטֶער, מֶען הָאט בַּאלְד אָנְגֶעגָאסְן מִיט דֶעם, דֶעם קְרַאנְקְן פְּרִינְץ, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן!

**דֶער צַדִיק הָאֱמֶת אִיז דֶער גְרוֹיסֶער גֶעוַואלְדִיגֶער דָאקְטֶער וָואס בְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵייעֶר טַייעֶרֶע רְפוּאוֹת פַארְן נֶפֶשׁ. דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן תּוֹרוֹת וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט מִיט אוּנְז. אָבֶער מִיר זֶענֶען אַזוֹי קְרַאנְק, אַז וִויפִיל מִיר הֶערְן אוּן בַּאקוּמֶען דִי רְפוּאוֹת, גֵייט עֶס נִישְׁט אַלֶעמָאל אַרַיין אִין אוּנְזֶער הַארְץ... דֶערִיבֶּער הָאט דֶער צַדִיק אוּנְז בַּאגָאסְן מִיט אַזוֹי פִיל תּוֹרוֹת, עֵצוֹת, שִׂיחוֹת אוּן מַעֲשִׂיּוֹת, טַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע רְפוּאוֹת, אַז אֶפְשָׁר מִיט דִי צַייט וֶועט דִי הֵיילִיגֶע שְׁמֶעק זִיךְ אַיינְזַאפְּן אִין אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער, אוּן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט...**

(ע"פ חיי מוהר"ן שצ"א)



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"א - מבן מלך ובן שפחה שנתחלפו (2)

**הָאט זִיךְ דֶער זוּן מְיַישֵׁב גִיוֶוען** (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז פַּארְבִּיטְן גִיוָוארְן) עֶר מוּז אַנְטְלוֹיפְן. הָאט אִים דֶער פָּאטֶער גִיגִיבְּן אַסַאךְ גֶעלְט. אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועק.

**הָאט עֶס אִים** זֵייעֶר פַּארְדְרָאסְן. וָואס עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן פוּן זַיין מְדִינָה אוּמְזִיסְט. וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גִיקוּקְט. פַּארְוָואס קוּמְט מִיר דָאס אַז אִיךְ זָאל פַּארִיטְרִיבְּן וֶוערְן. בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר בְּוַודְאַי נִיט דָאס אַז אִיךְ זָאל פַּארְטְרִיבְּן וֶוערְן. אוּן אֲפִילוּ אַז אִיךְ בִּין נִיט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִיט דָאס אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין בּוֹרֵחַ (דְהַיינוּ אֵיין אַנְטְלָאפִינֶער) אוּמְזִיסְט. וָוארְן וָואס הָאבּ אִיךְ גִיזִינְדִיגְט וָואס בִּין אִיךְ דָא שׁוּלְדִיג.

**הָאט עֶס אִים** זֵייעֶר פַּארְדְרָאסְן אוּן מַחְמַת דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גִינוּמֶען צוּם טְרוּנְק. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען לְבֵית הַזוֹנוֹת (דְהַיינוּ אִין דִי שְׁטִיבֶּער וואוּ הוּרְן זִיצְן) אוּן עֶר הָאט גִיוָואלְט דֶערְמִיט זִיךְ פַּארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע יָארְן. עֶר זָאל שִׁיכּוּרְן אוּן זָאל נָאךְ גֵיין נָאךְ וָואס זַיין הַארְץ גְלוּסְט. **וַוייל עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן אוּמְזִיסְט.**

**אוּן דֶער מֶלֶךְ** (דְהַיינוּ דֶער פַאלְטְשֶׁער בֶּן מֶלֶךְ דֶער פַארְבִּיטֶענֶער וָואס עֶר אִיז גִיוָוארְן מֶלֶךְ) הָאט אָפְּגִינוּמֶען דִי מְלוּכָה שְׁטַארְק. אוּן אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס גִיהֶערְט אַז מֶענְשְׁן מוּמְלֶען אוּן שְׁמוּסְן עֶפֶּעס דֶערְפוּן (דְהַיינוּ אַז זֵיי זֶענֶען פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן כַּנַ"ל הָאט עֶר זֵיי מַעֲנִישׁ גִיוֶוען כְּלוֹמַר גִישְׁטְרָאפְט אוּן גִיפַּיינִיקְט) אוּן הָאט זִיךְ אִין זֵיי נוֹקֵם גִיוֶועהְן. אוּן עֶר הָאט גִיקִינִיגְט בְּתוֹקֶף וְעוֹז.

**וַיְהִי הַיּוֹם.** אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיפָארְן מִיט זַיינֶע שָׂרִים. נַאוולַאווי (דְהַיינוּ חַאפְּן חַיוֹת) אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אַ שֵׁיין אָרְט. אוּן אַ טַייכְל וַואסֶער אִיז גִיוֶוען פַאר דֶעם אָרְט. הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִישְׁטֶעלְט דָארְט אָפְּרוּעֶן זִיךְ. אוּן הָאבְּן זִיךְ גִיוָואלְט דָארְט שְׁפַּאצִירְן הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אַבִּיסְל צוּגִילֵייגְט.

**אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף אִין זִין** דִי מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. וָואס עֶר הָאט פַארְטְרִיבְּן דֶעם דָאזִיגְן אוּמְזִיסְט. וָוארְן מִמָּה נַפְשָׁךְ. אִיז עֶר אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ. לֹא דַי וָואס עֶר אִיז פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן, פַּארְוָואס זָאל עֶר נָאךְ פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן אוּמְזִיסְט. אוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט אִים אוֹיךְ נִיט אַז מֶען זָאל אִים פַּארְטְרַייבְּן. וָוארְן וָואס הָאט עֶר גִיזִינְדִיגְט.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ זִיךְ פַּארְטְרַאכְט** אִין דֶער זַאךְ אוּן הָאט חֲרָטָה גִיהַאט אוֹיף דֶער עֲבֵירָה אוּן אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער עַוְולָה וָואס עֶר הָאט דָא גִיטָאן. אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ נִישְׁט גִיקָאנְט קֵיין עֵצָה גִיבְּן. וָואס עֶר זָאל דָא טָאן. אוּן שְׁמוּסְן קָאן מֶען אַזוֹי אַ זַאךְ נִיט מִיט קֵיין שׁוּם מֶענְשְׁן מֶען זָאל מִיט אִים אֵיין עֵצָה הַאלְטְן (וָוארְן מֶען שֶׁעמְט זִיךְ בְּוַודְאַי אַזוֹינְס צוּ שְׁמוּסְן מִיט לַייט)

**אִיז דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר פַארְזָארְגְט גִיוָוארְן אִין גְרוֹיס דַאֲגָה.** הָאט עֶר גִיהֵייסְן דִי שָׂרִים. אַז מֶען זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן. וָוארְן וַוייל סֶע אִיז אוֹיף אִים גִיפַאלְן דַאֲגָה. בַּאדַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין נִיט שְׁפַּאצִירְן.

**הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אַהֵיים.** ווִי דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיקוּמֶען אַהֵיים. הָאט עֶר בְּוַודְאַי גִיהַאט כַּמָה זַאכְן אוּן אִינְטֶערֶעסְן. הָאט עֶר זִיךְ גִיפָּארֶעט אִין זַיינֶע אִינְטֶערֶעסְן. אִיז אִים דִי זַאךְ אוֹיס אִין זִין אַרוֹיס. (דְהַיינוּ דִי דַאֲגָה אוּן דִי חֲרָטָה וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט יֶענֶעם פַארְטְרִיבְּן אוּמְזִיסְט).

**אוּן דֶער וָואס עֶר אִיז פַּארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן** (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתֶער בֶּן מֶלֶךְ) אוּן עֶר הָאט גִיטָאן וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. אוּן עֶר הָאט אוֹיס גִיבְּרַאכְט זַיין גֶעלְט. אַמָאל אִיז עֶר אַלֵיין אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען זִיךְ שְׁפַּאצִירְן. אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגִילֵייגְט.

**אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף אִין זִין.** וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן. וָואס הָאט עֶס גָאט מִיר גִיטָאן. בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר

בְּוַודַאי נִיט דָאס. אוּן אַז אִיךְ בִּין נִיט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִיט דָאס דָאזִיגֶע אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין בּוֹרֵחַ אוּן אַ פַּארְטְרִיבֶּענֶער.

**דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען.** אִין דֶער דֵיעָה. אַדְרַבָּא. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ קָאן יוֹא אַזוֹינְס טָאן אַז מֶע זָאל פַּארְבַּייטְן אַ בֶּן מֶלֶךְ. אוּן סֶע זָאל אוֹיף אִים אַזוֹינְס אִיבֶּער גֵיין קֶער אִיךְ זֶע מִיךְ יוֹא אַזוֹי צוּ פִירְן. אִיז זֶע רֶעכְט וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן. שְׁטֵייט עֶס מִיר אָן אַז אִיךְ זָאל מִיךְ אַזוֹי פִירְן. אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גִיטָאן.

**אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן גְרוֹיס צַעַר צוּ הָאבְּן** אוּן זֵייעֶר חֲרָטָה צוּ הָאבְּן אוֹיף דִי מַעֲשִׂים רָעִים וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אַהֵיים דָארְט וִוי עֶר אִיז גִיוֶוען. אוּן עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער גִינוּמֶען צוּם טְרוּנְק. נָאר מַחְמַת עֶר הָאט שׁוֹין אָנְגִיהוֹיבְּן חֲרָטָה צוּ הָאבְּן פְלֶעגְט אִים מְבַלְבֵּל צוּ זַיין. דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן חֲרָטָה אוּן תְּשׁוּבָה וָואס סֶע אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף אִין זִין אַלֶע מָאל.

**אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ צוּ גְעלֵייגְט** הָאט זִיךְ אִים גְעחָלֶמְט. בַּאֲשֶׁר אִין דֶעם אוּן אִין דֶעם אָרְט אִיז יְרִיד אִין דֶעם אוּן דֶעם טָאג. בְּכֵן זָאל עֶר אַהִין גֵיין. אוּן וָואס סֶע וֶועט זִיךְ אִים טְרֶעפְן צוּם עֶרְשְׁטְן עֶפֶּעס אַ פַּארְדִינְסְט. זָאל עֶר עֶס תֵּיכֶף טָאן. כָאטְשֶׁע סֶע וֶועט נִיט זַיין וֶועדְלִיג זַיין כָּבוֹד (אַזוֹי הָאט זִיךְ אִים גְעחָלִימְט) אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיף גְעכַאפְּט.

**אוּן דֶער חָלוֹם אִיז אִים אַרַיין** זֵייעֶר אִין דֶער מַחְשָׁבָה אַרַיין. וָוארְן אַמָאל אִיז פַּארְהַאנְדְן אַז דִי זַאךְ גֵייט תֵּיכֶף אַרוֹיס פוּן דֶער מַחְשָׁבָה. נָאר דֶער חָלוֹם אִיז אִים זֵייעֶר אַרַיין אִין דֶער מַחְשָׁבָה. לוּשְׁמִיר פוּן דֶעסְטְוֶועגְן פָארְט. **אִיז בַּיי אִים שְׁוֶוער גִיוֶוען** אַז עֶר זָאל דָאס טוֹן. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען וַוייטֶער צוּם טְרוּנְק. אוּן דֶער חָלוֹם הָאט זִיךְ אִים וַוייטֶער גִיחָלִימְט כַּמָּה פְּעָמִים אוּן דֶער חָלוֹם הָאט אִים זֵייעֶר מְבַלְבֵּל גִיוֶוען.

**אַמָאל הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט אִין חָלוֹם. אַז דוּ ווִילְסְט אוֹיף דִיר רַחְמָנוּת הָאבִּין זָאלְסְטוּ אַזוֹי טָאן** (דְהַיינוּ עֶר זָאל גֵיין אוֹיף דֶעם יְרִיד וְכוּ' כַּנַּ"ל)

**הָאט עֶר שׁוֹין גִימוּזְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם חָלוֹם. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאט אַוֶועק גִיגִיבְּן דָאס אִיבְּרִיקֶע גֶעלְט וָואס עֶר הָאט נָאךְ גִיהַאט הָאט עֶר עֶס אַוֶועק גִיגִיבְּן אוֹיף דֶער אַרְבִּירִיק וִוי עֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען אוּן דִי גוּטֶע קְלֵיידֶער וָואס עֶר הָאט גִיהַאט.

**הָאט עֶר אוֹיךְ גִילָאזְט** אוֹיף דֶער סְטַאנְצְיָא. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִינוּמֶען אַ פְּרָאסְטֶע מַלְבּוּשׁ וִוי סוֹחֲרִים דְהַיינוּ אֵיין אַ פִּינְטְשֶׁע אוּן אִיז גִיפָארִין אוֹיף דֶעם יְרִיד. אוּן אִיז אַהִין גִיקוּמֶען.

**אוּן עֶר אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען גַאנְץ פְּרִיא** אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יְרִיד. הָאט אִים בַּאגֶעגִינְט אַ סוֹחֵר אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. ווִילְסְטוּ עֶפֶּעס פַּארְדִינֶען הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט יוֹא. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט אִיךְ בַּאדַארְף דָא צוּ טְרַייבִּין בְּהֵמוֹת. וֶועסְטוּ זִיךְ פַּארְדִינְגֶען בַּיי מִיר. אוּן עֶר הָאט נִיט צַייט גִיהַאט זִיךְ מְיַישֵׁב צוּ זַיין מַחְמַת דֶעם חָלוֹם הַנַּ"ל (וָוארְן דֶער חָלוֹם אִיז זִיךְ גִיוֶוען אַז דָאס עֶרְשְׁטֶע פַּארְדִינְסְט מוּז עֶר אָנֶעמֶען וְכוּ' כַּנַּ"ל)

**הָאט עֶר תֵּיכֶף גִיעֶנְפֶערְט. יוֹא.** אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט אִים תֵּיכֶף גִידוּנְגֶען. אוּן הָאט תֵּיכֶף אָנְגִיהוֹיבִּין אוֹיף אִים צוּ שַׁאפִין אַזוֹי וִוי אֵיין הַאר אוֹיף זַיינֶע מְשָׁרְתִים. אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגִיהוֹיבְּן אַרוּם צוּ קוּקִין וָואס עֶר הָאט דָא גִיטָאן. וָוארִין צוּ אִים קוּמְט בְּוַודְאַי נִיט אַזוֹי אֵיין דִינְסְט. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אֵיין אֵיידְלֶער מֶענְטְשׁ.

**אוּן הַיינְט** וֶועט עֶר מוּזִין טְרַייבִּין בְּהֵמוֹת. אוּן עֶר וֶועט מוּזִין גֵיין צוּפוּס בַּיי דִי בְּהֵמוֹת. נָאר מֶע קָאן שׁוֹין קֵיין חֲרָטָה נִיט הָאבִּין. אוּן דֶער סוֹחֵר שַׁאפְט אוֹיף אִים. אַזוֹי וִוי אֵיין הַאר. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דֶעם סוֹחֵר. וִוי וֶועל אִיךְ אַלֵיין גֵיין מִיט דִי בְּהֵמוֹת.

**הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט.** אִיךְ הָאבּ נָאךְ הַאדַאיֶיעס וָואס זֵיי טְרַייבִּין מַיינֶע בְּהֵמוֹת. וֶועסְטוּ מִיט זֵיי אִין אֵיינֶעם גֵיין. אוּן עֶר הָאט אִים אָפּ גִיגִיבְּן צוּ דֶער הַאנְט עֶטְלִיכֶע בְּהֵמוֹת וָואס עֶר זָאל זֵיי טְרַייבִּין. הָאט עֶר דִי בְּהֵמוֹת גִיפִירְט אוֹיס דֶער שְׁטָאט אַרוֹיס

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פארהערן



## די עלוּוטע מעשה - דער בן מלך ובן שפחה שנתחלפו (2)

**א. וואס האט פארדראסן פאר'ן אמת'ער בן המלך?**
- ☐ ווייל דער אמת'ער בן השפחה איז דער קעניג
- ☐ ווייל ער איז פארטריבן געווארן אימזיסט
- ☐ ווייל זיין טאטע האט אים נישט געהאלפן

**ב. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטאן נאכדעם?**
- ☐ ער האט אנגעהויבן צו לערנען תורה אין א באהאלטעניש
- ☐ ער האט אנגהויבן שפילן אויף כלי שיר
- ☐ ער האט זיך גענומען צום טרונק

**ג. וואס האט דער קעניג געטאן ווען ער האט געהערט מענטשן שמועסן אז די קינדער זענען פארביטן?**
- ☐ ער האט זיי געווארנט אז ער וועט זיי פארשיקן
- ☐ ער האט זיך זייער געשעמט
- ☐ ער האט זיי געשטראפט און געפייניקט

**ד. וואס האט דער קעניג דארט געטוהן?**
- ☐ ער האט זיך געטובל'ט אין טייך
- ☐ ער האט געפאנגען חיות
- ☐ ער האט חרטה געהאט אויף די עבירה אז ער האט פארטריבן דער אמת'ער בן המלך

**ה. וואס האט דער קעניג געטוהן נאכדעם וואס ער איז אהיים?**
- ☐ ער האט זיך געפארעט אין זיינע זאכן און פארגעסן פון די חרטה
- ☐ ער האט נישט אויפגעהערט טראכטן פון די חרטה
- ☐ ער האט אן געכאפט די קעניגרייך מיט שטארקייט

**ו. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטוהן ווען ער איז אמאל אליין געגאנגען שפאצירן?**
- ☐ אויסגענוצט זיינע געלט
- ☐ ער האט זיך גע'טובל'ט אין א טייך וואסער
- ☐ ער האט זיך צוגעלייגט

**ז. וואס נאך האט זיך דארט געטוהן מיט אים?**
- ☐ ער האט אנגעהויבן האבן גרויס צער און חרטה אויף זיינע מעשים רעים
- ☐ ער האט זיך נאכאמאל גענומען צום טרונק
- ☐ ער האט דארט גערעדט מיט א חבר

**ח. וואס האט ער זיך נאכדעם גע'חלום'ט?**
- ☐ ווי ער ווערט קעניג איבער די וועלט
- ☐ ער זאל גיין צו עפעס א יריד און אננעמען די ערשטע פארדינסט
- ☐ אז דער אמת'ער בן השפחה האט חרטה אז ער האט אים פארשיקט

**ט. ווּעמען האט ער באגעגנט ביים יריד?**
- ☐ דער אמת'ער בן השפחה
- ☐ א קנעכט
- ☐ א סוחר

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



## טיפער געטראכט

**אויף וויפל מענטשן דערציילט דער רבי ביי סיפורי מעשיות - ביז דא - אז זיי האבן זיך געחולמט א חלום?**

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**אויף ווּעמען זאגט דער רבי ביי די מעשה און ביי מעשה י' און ביי מעשה ט' אז ער איז געווען א "בֶּרְיָה" ?**

**במעשה ט':** דִי סוֹחְרִים הָאבְּן גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז אַ קְלוּגֶער יוּנְג אוּן **אַ בֶּרְיָה.** **(דער חכם)**

**במעשה י':** עֶר אִיז גִיוֶועןן דֶער **בֶּרְיָה** צְוִוישְׁן זַיי. וָואִרין עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גִיוֶועןן פוּן לַאנְג. **(דער בן הבערגיר)**

**במעשה זו:** אוּן עֶר אִיז גִיוֶועןן אֵיין גְרוֹסֶער **בֶּרְיָה.** **(דער בן שפחה אמיתי)**

## דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com